# תלמוד תורה "יטב לב" דרבינו יואל

## מסאטמאר

נתיסדה ע"י כ"ק מו"ר רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע

בהמשכת כ"ק מו"ר רבינו ה' בעל ברך משה זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן רבינו שליט"א

בעיה"ק ירושלים תובב"א

בעזהשי"ת

# וירא

## כתה ב'

**המלמד:** הר"ר יוסף צבי מארקאוויטש הי"ו

# חומש טייטש

| | | |
|---|---|---|
| פסוק א | וַיֵּרָא | און ער האט זיך באוויזן |
| | אֵלָיו | צו אים |
| | ה' | דער אויבערשטער |
| | בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא | אין אלני ממרא |
| | וְהוּא | און ער |
| | יֹשֵׁב | איז געזעסן |
| | פֶּתַח | ביי די טיר |
| | הָאֹהֶל | פון געצעלט |
| | כְּחֹם הַיּוֹם: | ווען די טאג איז געווען הייס: |

| | | |
|---|---|---|
| פסוק ב | וַיִּשָּׂא | און ער האט אויפגעהויבן |
| | עֵינָיו | זיינע אויגן |
| | וַיַּרְא | און ער האט געזען |
| | וְהִנֵּה | און אט |
| | שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים | דריי מענטשן |
| | נִצָּבִים עָלָיו | שטייען נעבן אים |
| | וַיַּרְא | און ער האט פארשטאנען |

| | | |
|---|---|---|
| | וַיָּרָץ | און ער איז געלאפן |
| | לִקְרָאתָם | אנטקעגן זיי |
| | מִפֶּתַח | פון די טיר |
| | הָאֹהֶל | פון געצעלט |
| | וַיִּשְׁתַּחוּ | און ער האט זיך געבוקט |
| | אָרְצָה: | ביז די ערד: |
| פסוק ג | וַיֹּאמַר | און ער האט געזאגט |
| | אֲדֹנָי | מיינע הערן |
| | אִם נָא | אויב איך האב יעצט |
| | מָצָאתִי | געפונען |
| | חֵן | ליבשאפט |
| | בְּעֵינֶךָ | אין דיינע אויגן |
| | אַל נָא תַעֲבֹר | בעט איך דיר גיי נישט אריבער |
| | מֵעַל עַבְדֶּךָ: | פון נעבן דיין קנעכט: |
| פסוק ד | יֻקַּח | ס'זאל גענומען ווערן |
| | נָא | איך בעט דיר |
| | מְעַט מַיִם | אביסל וואסער |

| | |
|---|---|
| וְרַחֲצוּ | און וואשט זיך אפ |
| רַגְלֵיכֶם | ענקערע פיס |
| וְהִשָּׁעֲנוּ | און לאנט זיך אן |
| תַּחַת הָעֵץ: | אונטער דעם בוים: |
| וְאֶקְחָה | און איך וועל נעמען | פסוק ה |
| פַּת לֶחֶם | א שטיקל ברויט |
| וְסַעֲדוּ | און זעטיגט ענק אן |
| לִבְּכֶם | ענקער הארץ |
| אַחַר תַּעֲבֹרוּ | נאכדעם וועלן ענק אריבערגיין |
| כִּי | ווייל |
| עַל כֵּן | וועגן דעם בעט איך ענק |
| עֲבַרְתֶּם | ווייל ענק זענען אריבער |
| עַל עַבְדְּכֶם | נעבן ענקער קנעכט |
| וַיֹּאמְרוּ | און זיי האבן געזאגט |
| כֵּן תַּעֲשֶׂה | אזוי זאלסטו טוהן |
| כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ: | אזוי ווי דו האסט גערעדט: |

# ✿ מיר האבן געלערנט ✿

פיר טירן ביי אברהם אבינו'ס שטוב ★ דער אויבערשטער נעמט ארויס די זון פון איר האלטער ★ דער אויבערשטער קומט מבקר חולה זיין אברהם אבינו ★ אברהם אבינו זיצטביים טיר פון געצעלט און ווארט אויף געסט ★ ער זעהט דריי מענטשן ★ מיכאל, גבריאל און רפאל ★ אברהם אליין נעמט אויף די געסט ★ אברהם אבינו לויפט נאך די בהמה ביז מערת המכפלה ★ עס שמעקט דארט א ריח גן עדן ★ די גוטע בשורה ★ אין סדום איז דא שלעכטע מענטשן ★ מען פייניגט די מיידל אין סדום ★ די מלאכים קומען אן אין סדום ★ אברהם אבינו איז מתפלל אויף די שטאט סדום ★ די מענטשן פון סדום ווערן בלינד ★ לוט אנטלויפט, זיין ווייב ווערט א שטיק זאלץ ★ סדום ווערט חרוב ★ שרה ביי אבימלך אין שטוב ★ יצחק ווערט געבוירן ★ אברהם שיקט אוועק ישמעאל ★ די עקידה ★ דער יצה"ר פארשטעלט זיך פאר א טייך ★ דער מלאך זאגט פאר אברהם טו אים גארנישט.

# שאלות לפרשת השבוע

**א. וועלכע פרשה גייט די וואך?**
וירא.

**ב. ווער האט זיך באוויזן צו אברהם?**
דער אויבערשטער.

**ג. פארוואס האט זיך דער אויבערשטער באוויזן צו אברהם?**
דער אויבערשטער איז אים געקומען מבקר חולה זיין.

**ד. פארוואס האט ער זיך נישט גוט געפילט?**
ווייל די דריטע טאג נאך די ברית טוט זייער וויי.

**ה. וואו האט זיך דער אויבערשטער באוויזן צו אים?**
אין ממרא.

**ו. פארוואס אין ממרא?**
ווייל ער האט געגעבן אן עצה פאר אברהם אבינו יא צו פאלגן דער אויבערשטן און מאכן א ברית.

**ז. וועלכע מצוה האט אברהם גאר שטארק מקיים געווען?**
הכנסת אורחים.

**ח. וואס האט אברהם אבינו געטוהן אין זיין שטוב עס זאל קענען קומען געסט?**

ער האט געמאכט אויף יעדע זייט א טיר, אז פון וואו דער גאסט קומט אן זאל ער קענען אריינגיין.

**ט. פארוואס איז אברהם געזעסן ביי די טיר?**

ווייל ער האט געווארט אויף געסט.

**י. ווער איז יא געקומען צו אברהם? און ווי אזוי זענען זיי געווען פארשטעלט?**

דריי מלאכים זענען געקומען פארשטעלט אויף מענטשן.

**יא. פארוואס האט דער אויבערשטער יא געשיקט די מלאכים?**

ווייל אברהם האט געהאט צער אז ער האט נישט קיין געסט.

**יב. ווי אזוי האבן געהייסן די דריי מלאכים?**

מיכאל, גבריאל און רפאל.

**יג. פארוואס זענען געקומען פונקט דריי מלאכים?**

איינער צו זאגן פאר שרה די גוטע בשורה, איינער איבער דרייען סדום, און איינער צו ראטעווען לוט.

**יד. וואס האט אברהם געטוהן ווען ער האט געזעהן די מלאכים?**

ער איז געלאפן אנטקעגן זיי און זיי געבעטן זיי זאלן אריינקומען צו אים זיך אפוואשן און זיך אפרוהען און נאכדעם עסן א סעודה.

**טו. וויפל בהמות האט אברהם גענומען?**

דריי.

**טז. פאר וועמען האט ער דאס געגעבן אנצוגרייטן? פארוואס נישט פאר זיינע קנעכט?**

פאר ישמעאל. ווייל ער האט אים געוואלט אויסלערנען צו מאכן מצוות.

**יז. וועלכע חלק פון די בהמה האט ער צוגעגרייט? פארוואס?**

די צונג ווייל דאס איז די בעסטע חלק פון די בהמה,

**יח. פארוואס האט שרה געלאכט ווען זי האט געהערט אז זי וועט האבן א אינגעלע?**

ווייל זי האט נישט געגלייבט אז א אלטע באבע קען נאך האבן קינדער.

**יט. ווי אלט איז געווען אברהם מיט שרה ווען זייער אינגעלע איז געבוירן?**

אברהם 100 יאר, און שרה 90 יאר.

**כ. וואספארא נאמען האבן זיי געגעבן פאר דער אינגעלע?**

יצחק.

**כא. פארוואס זענען געגאנגען די מלאכים איבערדרייען סדום?**

ווייל די מענטשן אין סדום זענען געווען זייער שלעכט און זיי האבן נישט געוואלט תשובה טוהן. (דערציייל וואס דארט איז געווען)

**כב. וואס איז געשעהן מיט לוט'ס ווייב ווען זי האט זיך אויסגעדרייט?**

א שטיק זאלץ.

**כג. פארוואס האט אברהם אוועקגעשיקט ישמעאל?**

ווייל ער האט נישט געוואלט אז יצחק זאל האבן שלעכטע חברים.

**כד. וואס איז געווען די לעצטע און די שווערסטע נסיון?**

די עקידה.

**כה. אויף וואס האט זיך דער יצה"ר פארשטעלט?**

אויף א אלטער מענטש, נאכדעם האט ער זיך פארשטעלט אויף א יונגער מענטש, און אויך אויף א טייך. (דערציילט וואס דארט איז געווען)

**כו. וואס האט דער מלאך געזאגט פאר אברהם אבינו?**

ער זאל נישט שחט'ן יצחק.

## ניגוני השבוע

1) וביום השבת...

2) שומרי מצוותיה...

# חזרה עברי

לתועלת פון די קינדער כדי זיי זאלן גוט געדענקען די כללים פון די עברי וואס זיי האבן געלערנט ביז היינט, לערנען מיר יעדע וואך איבער איינע פון די כללים פון עברי.

**די וואך האבן מיר געלערנט די כלל:**

**א פתח פאר א י' און א נקודה**

**און א פתח פאר א י' מיט א שווא וואס מ'דארף ארייכנאפן די י'**

**(וואס עס הערט זיך אזוי ווי א צירי)**

חֲטָאַי נְדָרַי בְּחֻקֹּתַי אֲזַי אֲמָרַי נְעוּרַי בַּעֲצָמַי וְשִׁקֻּוַי לְפָנַי וְחַיַּי עֲוֺנֹתַי סְבִיבוֹתַי עֵינַי מֵעָלַי אֹהֲבַי קְרָבַי צָרַי וַעֲצָמַי דְּרָכַי כַּפַּי אֲשֵׁרַי וְרֵעַי פְּשָׁעַי פְּעָמַי בָּמוֹתַי כְּשָׁעַי שְׂפָתַי מְגוּרוֹתַי קָמַי יְרִיבַי מַעֲשַׂי בָּנַאי רֹאַי כְּסָלַי אֵיתָנַי מֵאֵמָתַי בְּגָדַי מְיֻדָּעַי מְהוֹלָלַי תְּנַאי.

הַיְסוֹד וַיְסַתְּמוּם וַיְשִׂימֶהָ לְדַיְנָה הַיְתַד הַיְעֵפִים לַזַיְנָה וַיְרַגְּלוּ הַיְתָרִים הַיְשָׁנִים וַיְמַהֲרוּ הַיְשׁוּעָה מִתְגַּיְסִים וַיְצַוּוּ וַיְנַסּוּ מְדַיְנִים הַיְמִינִי וַיְפַתּוּהוּ הַיְשָׁנָה וַיְסַפְּרוּ הָעַיְנָה הַיְעוּצָה וְהַיְשָׁרָה יְקַיְּמוּהָ נִתְקַיְּמוּ וַיְבַקְשׁוּ אוֹרַיְתָא וַיְכַלּוּ הַיְשִׁמוֹת הַיְשָׁרִים.

מִדּוֹת

וואס מיר לערנען
ארויס פון די פרשה

# הַכְנָסַת אוֹרְחִים

**דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְקַיֵם גֶעוֶוען אוֹיפְּ'ן הֶעכְסְטְן שְׁטָאפְּל, וִוי מִיר לֶערְנֶען דָאס דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה.**

- דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים זֶעהְן מִיר פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אֲפִלוּ עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן רֶעדְן מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן זָאל וַוארְטְן, וַוייל עֶר וִויל אַרַייְנְרוּפְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער נֶעבְן זַיין שְׁטוּבּ.

- וֶוען עֶס קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַ אַנְדֶערֶע שְׁטָאט גִיבְּט מֶען אִים צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַ בֶּעט צוּ שְׁלָאפְן, אַלֶעס מִיט אַ שְׁמֵייכְל'דִיגֶע פָּנִים אַז דֶער גַאסְט זָאל זִיךְ נִישְׁט פִילְן פְרֶעמְד אוּן פַארְשֶׁעמְט.

- וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּ אַ חַבֶר'ס שְׁטוּבּ זִיךְ שְׁפִּילְן (מִיט דִי רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן) אוּן מֶען לָאזְט זִיךְ שְׁפִּילְן פַארְ'ן חַבֶר מִיט אַלֶע שְׁפִּילְצַייג הֵייסְט דָאס אוֹיךְ הַכְנָסַת אוֹרְחִים.




פרשת וירא








די בילד איז גענומען
פון די ביכל "עזר לילדים"


די בילד איז גענומען
פון די ביכל "עזר לילדים"

# סיפור השבוע

## דער אנטיק הענדלער

ר׳ ניסן וואס האט געהאט שיין פרנסה פון א אנטיק געשעפט, פלעגט יעדע יאר שבועות צוזאמענעמען צען תלמידי חכמים אין זיין שטוב צו לערנען, און ער האט זיי צוגעשטעלט צו עסן פון אלעס גוט׳ס.

ווען ר׳ ניסן׳ס פרנסה איז געגאנגען בארג אראפ, איז ער געווען טרויער׳דיג אז ער וועט נישט קענען מקיים זיין די מנהג זיינע אין יו״ט שבועות. ווען זיין פרוי האט דאס געזעהן האט זי ארויסגענומען איר גאלדענע קייטל און אים געהייסן דאס פארקויפן כדי מ׳זאל קענען מקיים זיין דעם גוטן מנהג.

ווען ר׳ ניסן האט פארקויפט די קייטל איז דער רב געקומען צו אים נאך געלט פאר א כלה א יתומה, ר׳ ניסן האט אוועקגעגעבן זיין גאנצע געלט, ווען דער רב וואונטשט אים אסאך ברכה און הצלחה אין זכות פון די גרויסע מצוה.

יענע טאג האט דער קעניג זיך בארעכנט צו קויפן זייער אסאך "אנטיק" כלים ביי ר׳ ניסן, און ער האט אים באצאלט דערפאר אסאך געלט, פארשטייט זיך אז ר׳ ניסן האט די ערשטע זאך צוריק געקויפט זיין ווייב׳ס קייטל, און גלייך געגאנגען איינקויפן אויף יו״ט, נישט נאר פאר צען מענטשן, נאר פאר צוואנציג....















